בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת וישלח
טז כסלו
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 9
(61)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א: אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוְונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז מֶען הָאט פַּארְטוּישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ מִיטְ'ן בֶּן הַשִּׁפְחָה, מִיט דִי צַייט הָאט דֶער פַאלְשֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה אוּן פַארְטְרִיבְּן דֶעם אֶמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ, דָאס הָאט זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן פַארְ'ן אֶמֶת'ֶער בֶּן מֶלֶךְ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן? בִּין אִיךְ דֶער בֶּן מֶלֶךְ, קוּמְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן, בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ, קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג?" אוּן צוּלִיבּ זַיין גְרוֹיס וֵוייטָאג הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען טְרִינְקֶען אוּן שִׁיכּוּרְ'ן, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

### מֶען הָאט זֵיי בַּאעַוְולָה'ט

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן לֵיידֶער אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט זֵיי בַּאעַוְולָה'ט, מֶען הָאט זִיךְ שְׁלֶעכְט בַּאנוּמֶען צוּ זֵיי אַלְס קִינְד וְכַדוֹמֶה, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי קַשְׁיוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"פַארְוָואס לַייד אִיךְ אוּמְזִיסְט? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג?"**

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

וַיְהִי הַיּוֹם. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיפָארְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים. נָאוְולָאוְוֵי (דְהַיְינוּ חַאפְּן חַיוֹת) אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיין אָרְט. אוּן אַ טַייכְל וַואסֶער אִיז גִיוֶוען פַאר דֶעם אָרְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דָארְט אָפְּרוּעֶן זִיךְ. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיוָואלְט דָארְט שְׁפַּאצִירְן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אַבִּיסְל צוּגִילֵייגְט. אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. וָואס עֶר הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם דָאזִיגְן אוּמְזִיסְט. וָוארְן מִמָּה נַפְשָׁךְ. אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. לֹא דַי וָואס עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן, פַארְוָואס זָאל עֶר נָאךְ פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן אוּמְזִיסְט. אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט אִים אוֹיךְ נִיט אַז מֶען זָאל אִים פַארְטְרַייבְּן. וָוארְן וָואס הָאט עֶר גִיזִינְדִיגְט. הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דֶער זַאךְ אוּן הָאט חֲרָטָה גִיהַאט אוֹיף דֶער עֲבֵירָה אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן.

### פַארְוָואס טוּעֶן מֶענְטְשְׁן עֲבֵירוֹת?

פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעלֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל, אָבֶּער מֶען דַארְף דָאס אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן נָאכְאַמָאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י'), **"מַה שֶׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ"**, פַארְוָואס טוּעֶן מֶענְטְשְׁן עֲבֵירוֹת? **"מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת"**, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, **"וְהָעִקָּר - לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאַזַּי בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'"**, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען יֶעדְן טָאג אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס? וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וִוי כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן נָאכְלוֹיפְן אַלֶע מַיינֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן? עֶס בְּלַייבְּט דָאךְ גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַרַיין בָּזֶה הָעוֹלָם, אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### וָואס ווִיל אִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן?

ווִילַאנְג דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע דַאֲגוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען זִיכֶער אוּן זֵייעֶר קְלָאר אַז עֶר הָאט דָאס גֶעדַארְפְט טוּן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט יֶענֶעם טְשֶׁעפֶּען, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט יֶענֶעם פַארְטְרַייבְּן, אָבֶּער אֵיינְמָאל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מַאכְן אַבִּיסְל 'הִתְבּוֹדְדוּת', הָאט עֶר בַּאקוּמֶען 'יִשּׁוּב הַדַעַת', הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן: **"וָואס טוּ אִיךְ דָא?" "וָואס טְשֶׁעפֶּע אִיךְ מֶענְטְשְׁן?" "וָואס ווִיל אִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן?"**

### אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת

דָאס אִיז דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ פוּן גֵיין 'אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת'; דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ זַייט, עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ, אוּן הֵייבְּט זִיךְ אָן מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן הֵייבְּט עֶר אָן זֶען: וָואס טוּ אִיךְ? וָואס שְׁרֵיי אִיךְ? וָואס טְשֶׁעפֶּע אִיךְ? וָואס מַאךְ אִיךְ חוֹזֶק?

### דִי מוֹסָד, דִי חֵדֶר, דִי מְלַמְדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְ'ס

אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, וואוּ עֶר גֵייט אִיז אִים יֶעדֶער שׁוּלְדִיג, עֶר שְׁרֵייט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי מוֹסָד, דִי חֵדֶר, דִי מְלַמְדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְ'ס; עֶר פַארְטְרַייבְּט מֶענְטְשְׁן, עֶר טְשֶׁעפֶּעט מֶענְטְשְׁן, עֶר פַארְטוּישְׁט מֶענְטְשְׁן, עֶר טוּט אָפּ כָּל מִינֵי רִשְׁעוּת פַאר מֶענְטְשְׁן; אוּן אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, עֶר שְׁרֵייט: **"הָאסְט נִישְׁט גֶעמַאכְט דָאס..."**, **"הָאסְט נִישְׁט גֶעמַאכְט יֶענְץ..."**, אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב

הַדַעַת, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעהַאט אַ רוּאִיגֶע יִשּׁוּב הַדַעַת, וָואלְט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעקְלֶערְט: **"אֵיינֶער קוּמְט מִיר עֶפֶּעס? קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט; וָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן אוֹיף יֶענֶעם? וָואס דַארְף אִיךְ שְׁרֵייעֶן אוֹיף יֶענֶעם? וָואס דַארְף אִיךְ יֶענֶעם פַּארְטְרַייבְּן? פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן?"**

און דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט קֵיין עֵצָה גִיבְּן. וָואס עֶר זָאל דָא טָאן. און שְׁמוּסְן קָאן מֶען אַזוֹי אַ זַאךְ נִיט מִיט קֵיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן (וָוארְן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ בְּוַודַאי אַזוֹינְס צוּ שְׁמוּסְן מִיט לַייט) אִיז דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר פַארְזָארְגְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיס דַאֲגָה. הָאט עֶר גִיהֵייסְן דִי שָׂרִים. אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן. וָוארְן וַוייל סֶע אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן דַאֲגָה. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט שְׁפַּאצִירְן.

## וָואס אִיז וֶוערְד דִי גַאנְצֶע וַואקַאצְיֶע

וַוייל וָואס אִיז וֶוערְד דִי גַאנְצֶע וַואקַאצְיֶע אוֹיבּ דָאס מַאכְט מִיר דֶעפְּרֶעסְט, אוֹיבּ דָאס מַאכְט מִיר מָרָה שְׁחוֹרָה? דֶערְפַאר הָאט דֶער קֶענִיג בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק אַהֵיים פָארְן, עֶר זָאל צוּרִיק וֶוערְן פַארְנוּמֶען וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן...

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אַהֵיים. וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים. הָאט עֶר בְּוַודַאי גִיהַאט כַּמָה זַאכְן און אִינְטֶערֶעסְן. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארֶעט אִין זַיינֶע אִינְטֶערֶעסְן. אִיז אִים דִי זַאךְ אוֹיס אִין זִין אַרוֹיס. (דְהַיְינוּ דִי דַאֲגָה און דִי חֲרָטָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט יֶענֶעם פַּארְטְרִיבְּן אוּמְזִיסְט).

## עֶר קֶען מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין רִשְׁעוּת

דָאס קֶען מֶען גוּט זֶען, וִוילַאנְג מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין הִתְבּוֹדְדוּת וַוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ מִיט זִיךְ, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט און רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין רִשְׁעוּת פַאר אַ צְוֵוייטְן, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס פַאר אַ צְוֵוייטְן.

## וָואס אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת'?

אָבֶּער בִּשְׁעַת מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וָואס אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת'. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט: אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיגֶעֲרַיי צְוִוישְׁן הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און הָרַב הַחָסִיד ר' גֶעצִיל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; בֵּיידֶע פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צְוִוישְׁן זִיךְ. ר' שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ דַאוֶוענֶען רוּאִיג און שְׁטִיל, און ר' גֶעצִיל פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט ר' שִׁמְשׁוֹן ז"ל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַלֶע וָואס פְלֶעגְן אִים אוֹיסְהֶערְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן בְּדַרְכֵי נוֹעַם; אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט עוֹלָם הַזֶה זָאל מֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוידֶערְאוּם ר' גֶעצִיל הָאט גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, אַז מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דֶער וֶועלְט און עֶס זָאל גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. צוּלִיבּ דִי מֵיינוּנְגְס פַארְשִׁידְנְהֵייטְן פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קְרִיגְן צְוִוישְׁן זִיךְ. וֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֵיין אוּמַאן הָאט מֶען אִים גֶעבֶּעטְן צִי עֶר קֶען מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַזוֹי: **"אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁייְכוּת מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ; בֵּיידֶע פוּן זֵיי מַאכְן נִישְׁט קֵיין הִתְבּוֹדְדוּת".**

## מֶען דַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם 'זִיךְ' פוּנֶעם בִּילְד

וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס הֵייסְט זֵיי מַאכְן נִישְׁט קֵיין הִתְבּוֹדְדוּת?' וַוייל אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז בֵּיידֶע פוּן זֵיי - סַיי ר' שִׁמְשׁוֹן און סַיי ר' גֶעצִיל ז"ל זֶענֶען גְרוֹיסֶע עוֹבְדִים און זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד שָׁעוֹת עַל גַּבֵּי שָׁעוֹת, הָאט ר' אַבְרָהָם ב"ר נַחְמָן זֵיי גֶעזָאגְט: "מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי"ן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין און גָארְנִישְׁט וֶועלְן; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד דַארְף מֶען דֶעם 'זִיךְ' אַרוֹיס נֶעמֶען פוּנֶעם בִּילְד".

## אַנְדֶערֶע זָאלְן אַיינְזֶען אַז מִיר זֶענֶען דִי עֶכְטֶע...

ר' שִׁמְעוֹן'ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף אַז דִי אַנְדֶערֶע זָאלְן אַיינְזֶען אַז מִיר זֶענֶען דִי עֶכְטֶע"**, און ר' גֶעצִילְ'ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף אַז דִי אַנְדֶערֶע זָאלְן אַיינְזֶען אַז מִיר זֶענֶען דִי עֶכְטֶע"**... דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וִויל אִיךְ פוּן יֶענֶעם? וָואס בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעם, וָואס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר יֶענֶעם? וָואס זֶע אִיךְ שְׁלֶעכְטְס אִין יֶענֶעם?"** - דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

## נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע שְׁלֶעכְטְס אִין אַ מֶענְטְשׁ, קֶען זַיין צְוֵוויי זַאכְן; אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶענֶעם טָאג, אָדֶער הָאבּ אִיךְ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואלְט אִיךְ גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם".

## קֶעיר נֶעמֶען, וֵויי טוּן, אַרַיינְפְּלִיקְן, אַרַיינְזָאגְן, אַרַיינְשְׁטֶעכְן?!

אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן זֶעט עֶר אַיין: **"וָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? וָואס אִינְטֶערֶסִירְט מִיר אַ צְוֵוייטְן?"** דָאס מֵיינְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, אַוַודַאי דַארְף מֶען הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע, אַוַודַאי דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער קֶעיר נֶעמֶען? וֵויי טוּן? אַרַיינְפְּלִיקְן? אַרַיינְזָאגְן? אַרַיינְשְׁטֶעכְן? וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס יֶענֶער אִיז?!

## בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר אִיר

און זִיכֶער נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אַז מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט דָאס גֶעטוּן, זִי הָאט נִישְׁט יֶענְץ גֶעטוּן, אִיךְ קוּם אַהֵיים נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעטְן און זִי הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן... וָואס וֶוערְסְטוּ אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ? וָואס קוּמְט זִי דִיר? פַארְקֶערְט, אַז זִי הָאט אָנְגֶעגְרֵייט עֶסְן, בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר אִיר, אַז זִי הָאט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן דַיינֶע וֶועשׁ, בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר אִיר, זָאג אִיר: "יְיַשֵׁר כֹּחַ". אַז זִי הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ מַאכְן קֵיין נַאכְטְמָאל, זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ מִיט אִיר הֶעלְף אִיר טְרַאכְטְן וָואס צוּ מַאכְן מָארְגְן פַאר נַאכְטְמָאל, "לָאמִיר צוּזַאמֶען טְרַאכְטְן וָואס זָאל מֶען מַאכְן פַאר מָארְגְן, אֶפְשָׁר פְלֵייש..." אַלֶעס קוּמְט וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אָן אַ 'חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ', עֶר לֶעבְּט אָן 'הִתְבּוֹדְדוּת', עֶר מֵיינְט 'זִי קוּמְט מִיר', 'זִי דַארְף מִיר טוּן', 'זִי דַארְף מִיר מַאכְן'.

## עֶר לֶעבְּט אִין אַ דִמְיוֹן

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט עֶלְטֶערְן; **"מַיין טַאטֶע הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן..." "מַיין מַאמֶע הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן..." "מַיין שְׁוֶוער קוּמְט מִיר אַ קֶערִידְזְשׁ; וָואס הֵייסְט פַאר דִי אַנְדֶערֶע שְׁוָואגֶער הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קֶערִידְזְשׁ..."** אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס מֵיינְט עֶס קוּמְט אִים עֶפֶּעס - עֶר לֶעבְּט נָאכְנִישְׁט, עֶר לֶעבְּט אִין אַ דִמְיוֹן, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן אִין מְצִיאוּת. דָאס אִיז דָא מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְיָאגְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל דַאֲגוֹת, אַז

עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט פַארְטְרִיבְּן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן אַזֶעלְכֶע רִשְׁעוּת פַאר אַנְדֶערֶע, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מַאכְן אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת - הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

### וואוּ אִיךְ גֵיי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אײבֶּערשְׁטְן

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן הוֹיז - קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אײבֶּערשְׁטְן, אִיךְ גֵיי צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ - קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אײבֶּערשְׁטְן, וואוּ אִיךְ גֵיי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אײבֶּערשְׁטְן. וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן צוּם אײבֶּערשְׁטְן? בֶּעט דֶעם אײבֶּערשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קֶעיר נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ בַּאדֶערְן מֶענְטְשְׁן?**"

פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען דָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב? פַאר אֵיין סִיבָּה, דֶער רֶבִּי זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן, דֶער רֶבִּי זָאל מִיר מַאכְן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן! אַז אִיךְ קֶען הֶעלְפְן אַ צְווֵייטְן וֶועל אִיךְ הֶעלְפְן אַ צְווֵייטְן, אָבֶּער ווִיי טוּן אַ צְווֵייטְן?! פַארְטְרַייבְּן אַ צְווֵייטְן?! - נִישְׁט וֶועגְן דֶעם בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

### דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ שְׁלָאגְן אַ צְווֵייטֶע אִיד צוּלִיב דֶעם רֶבִּי'ן?!

אִיבֶּעראַל אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִין אַלֶע חֲסִידוּת'עֶר, קְרִיגְט מֶען זִיךְ אַרוּם, מֶען שְׁלָאגְט מֶענְטְשְׁן וְכוּ', קֵיינֶער הָאט זִיי נָאכְנִישְׁט גֶעפְרֶעגְט: "**וָואס שְׁלָאגְסְטוּ אַנְדֶערֶע וֶועגְן דַיין רֶבִּי?!**" "**וָואס הָאט דִיר דַיין רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ שְׁלָאגְן אַ צְווֵייטֶע אִיד צוּלִיב דֶעם רֶבִּי'ן?!**" "**וָואס הָאט דִיר דַיין רֶבִּי גֶעטוּן אַז דוּ טוּסְט ווִיי אַ צְווֵייטֶע אִיד צוּלִיב דֶעם רֶבִּי'ן?!**"

### אַרוֹיסְגֶעווָארְפְן פוּן שׁוּל

אוּן אֲפִילוּ אוּנְז וָואס מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַנַ"שׁ, וָואס מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט אוּנְז יָא גֶעגֶעבְּן אִין דִי הַאנְט, נִישְׁט סְתָּם אַ דִמְיוֹן, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרַנַ"שׁ 'חוּמָשׁ', 'מִשְׁנָיוֹת', אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרַנַ"שׁ 'אַ נֵייעֶ מֹחַ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז מוֹהֲרַנַ"שׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט ס.מ. - דֶער שְׁטְרָאף פוּן יַבְנְאֵל, [אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַארְגֶעלֵייגְט אִין גֶערִיכְט אַ טַעֲנָה אוֹיף מוֹהֲרַנַ"שׁ אַז מוֹהֲרַנַ"שׁ רוּפְט אִים "סַמֶ"ךְ מֶ"ם" - הָאט מוֹהֲרַנַ"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָאס אִיז דָאךְ דֶער רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זַיין נָאמֶען...] אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף אִים אוּן מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט יֶענֶעם אַרוֹיסְגֶעווָארְפְן פוּן שׁוּל; אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וְכוּ' וָואס הָאט גֶע'מַסְרְ'ט מוֹהֲרַנַ"שׁ, עֶר הָאט גֶעווָאלְט מֶען זָאל אַרֶעסְטִירְן מוֹהֲרַנַ"שׁ, אִיז אֵיינֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיף אִים, אִיז מוֹהֲרַנַ"שׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם.

### דָאס הֵייסְט זִיךְ עֶכְט אָנְגֶענוּמֶען פַאר מוֹהֲרַנַ"שׁ

וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מוֹהֲרַנַ"שׁ, וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זָאל צוּלֵייגְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, הֵייבּ אָן אַ שִׁיעוּר אִין 'תִּיקּוּנֵי זֹהַר' וְכַדוֹמֶה, אָדֶער גֵיי 'הֲפָצָה' - דָאס הֵייסְט זִיךְ עֶכְט אָנְגֶענוּמֶען פַאר מוֹהֲרַנַ"שׁ. טְשֶׁעפֶּען אַ מֶענְטְשׁ, ווִיי טוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַרוֹיסְטְרָאגְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ - דָאס נִישְׁט, אוֹיף דֶעם אִיז מוֹהֲרַנַ"שׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז.

### בִּיז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם

אוּן אֲפִילוּ מֶען דַארְף שׁוֹין אַמָאל אַרוֹיסְטְרָאגְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקְלֶעדִיגֶע זַאךְ. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אַ מַעֲשֶׂה, אַ בָּחוּר'ל אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעזָאגְט: אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעלֵיידֶעגְט אוֹיף שַׁבָּת צוּ אַ סְעוּדָה, זֵייעֶנְדִיג בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר מִיר בַּאצְווִינְגֶען מִיט אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן! דֶער בָּחוּר הָאט אַזוֹי גֶעווֵיינְט צוּ מִיר. שְׁפֶּעטֶער זֶע אִיךְ ווִי דֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַרוֹיף אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט מִיר דָאךְ גֶעהֵייסְן זַיין גַבַּאי, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, סְעִיף ד): "**הַאי לִשָּׁנָא בִּישָׁא, אַף-עַל-גַּב דִלְקַבּוּלֵי לָא מִבָּעֵי, לְמֵיחַשׁ מִיבָּעֵי**", אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל קֵיין לָשׁוֹן הָרָע, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט דִיר זָאגְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה קֶען מֶען אִים נָאכְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיינֶערְן, מֶען קֶען אִים נָאכְנִישְׁט גֶעבְּן קֵיין סְקִילָה, אָבֶּער '**לְמֵיחַשׁ מִיבָּעֵי**', מֶען דַארְף הַאלְטְן אַן אוֹיג אוֹיף יֶענֶעם, אֶפְשָׁר אִיז עֶר אַ סַכָּנָה עֶר זָאל זִיךְ דָא דְרֵייעֶן נֶעבְּן מֶענְטְשְׁן, בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "גֵיי אַרוֹיס פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ!" פְרֶעגְט עֶר מִיר: פַארְוָואס?" זָאג אִיךְ אִים: "ווַייל אַ בָּחוּר הָאט מִיר גֶעזָאגְט דוּ הָאסְט אִים בַּאצְווִינְגֶען מִיט אַן עֲבֵירָה", פְרֶעגְט עֶר מִיר: "אִיךְ קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן?" זָאג אִיךְ אִים: "**אַוַודַאי קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער בִּיז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם**", אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "**אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְקָרֵב זַיין אוֹיסֶער אַ גַנָּב, ווַייל ווִילַאנְג אִיךְ וֶועל אִים מְקָרֵב זַיין וֶועט עֶר מִיר בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען דִי גַאנְצֶע הוֹיז**"; מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט מְקָרֵב זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִין אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט אִים אוּן ווִילַאנְג אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אִים וֶועט עֶר אַלֶעס אָפְּ'גַנְבְ'עֶנֶען.

### פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם גֶעבֶּעטְן דֶעם אײבֶּערשְׁטְן

אָבֶּער אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דָא גֶעדַארְפְט אֵיינֶעם אַרוֹיסְשִׁיקְן הָאבּ אִיךְ פַארְדֶעם גֶעבֶּעטְן דֶעם אײבֶּערשְׁטְן אוּן נָאכְדֶעם גֶעבֶּעטְן דֶעם אײבֶּערשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט צוּם אײבֶּערשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ מֶענְטְשׁ פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ?!**"

### דְרַייסִיג יָאר 'תִּיקּוּן חֲצוֹת' אוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' אוֹיף דִי בֶּערְג

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיין מַחֲלוֹקֶת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ, אוּן דֶער אײבֶּערשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל בְּלַייבְּן אַ שֵׁיינֶע פְּלַאץ. מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט גֶעבּוֹיעט יַבְנְאֵל, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל, אָבֶּער אַ גֶעווִיסֶע צָאל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן נָאכְדֶעם וָואס מוֹהֲרַנַ"שׁ אִיז אַוֶועק. עֶס אִיז נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֵיין, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דְרַייסִיג יָאר אִין אַ צֵי גֶעמַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוֹיף דִי בֶּערְג, פְלוּצְלִינְג וֶוען מוֹהֲרַנַ"שׁ אִיז אַוֶועק, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין אַ מַחֲלוֹקֶת?! וָואס גֵייט דִיךְ אָן אַז יֶענֶער ווִיל נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ? צוּלִיב דֶעם רֶעדְסְטוּ מֶער נִישְׁט מִיט יֶענֶעם?! אִיךְ וֶועל נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, דוּ נֶעם חִיזּוּק פוּן דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן צוּלִיב דֶעם.

### עֶס קֶען זַיין צְוֶוען פְלֶעצֶער פוּן אֱמֶת!

מֶענְטְשְׁן טַעֲנָה'נֶען: "**אָבֶּער דָא אִיז דֶער אֱמֶת!**" וָואס גֵייט דִיר אָן אוֹיבּ אִיז דָא אוֹיף צְווֵיי פְלֶעצֶער דֶער אֱמֶת? וָואס גֵייט דִיר אָן אוֹיבּ אִיז דָא אוֹיף דְרֵיי פְלֶעצֶער דֶער אֱמֶת? עֶס מוּז זַיין נָאר אֵיין פְּלַאץ פוּן אֱמֶת אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זַיין שֶׁקֶר?! עֶס קֶען זַיין צְוֶוען פְלֶעצֶער פוּן אֱמֶת! אַז דוּ הָאסְט דֶערְגְרֵייכְט דֶער אֱמֶת, זֵיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דַיין אֱמֶת! דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אוֹיבּ מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת מִיט 'זִיךְ', מֶען זָאגְט פַאר'ן אײבֶּערשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין דָבוּק צוּ דִיר**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען**", "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאווֶענֶען**".

### דֶער יֵצֶר הָרָע זִיצְט בַּיים טִיר

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, דַארְף מֶען ווִיסְן, דֶער יֵצֶר

הָרֶע זִיצְט בַּיים טִיר פוּן יֶעדֶע פָּארְפָאלְק אוּן פְּרוּבִּירְט אָנְצוּדְרֵייעֶן עֶפֶּעס אַ מַחֲלֹקֶה'לֶע; עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס יֶעדְן טָאג צוּ טוּן אִין 'שָׁלוֹם בַּיִת', זֶע אִיךְ וִוי עֶס קֶענֶען זַיין צְוֵויי קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן, דָאךְ הָאט זֵיי דֶער יֵצֶר הָרֶע שׁוֹין אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין עֶפֶּעס אַ סִכְסוּךְ צוּלִיב שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים.

## בַּאדֶערְט גָארְנִישְׁט

אֵיינֶעם בַּאדֶערְט דָאס אוּן אֵיינֶעם בַּאדֶערְט דָאס; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ יֶעדְן טָאג מִתְבּוֹדֵד מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאדֶערְט גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ זוּךְ נָאר דָאס גוּטְס אוֹיפְן צְוֵוייטְן.

## שָׁאקְלֶען דִי פִּיס

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ חַבְרוּתָא אִין יְשִׁיבָה וָואס הָאט גֶעהַאט אַ נַאטוּר פוּן שָׁאקְלֶען דִי פִּיס, מִיר הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: "דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט דִי נֶערְוְון, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ, אַ גַאנְצְן טָאג שָׁאקְלְט עֶר דִי פִּיס..." מִיט דִי צַייט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן אַז עֶר הָאט מִיר דִי נֶערְוְון... אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ מִיט דִי נֶערְוְון, פַארְוָואס בַּאדֶערְט מִיר אַז עֶר שָׁאקְלְט מִיט דִי פִּיס?" אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מִיר מֶער נִישְׁט בַּאדֶערְן דָאס שָׁאקְלֶען דִי פִּיס.

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן

דָאס אִיז נָאר אַ דֻגְמָא, עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ דֻגְמָאוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי וַוייבּ וֶוערְט פַארְעֶקְלְט פוּן אִיר מַאן וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן, וֶוען עֶר עֶסְט זוּפּ מַאכְט עֶן אַ הוֹיכֶע גְרוּדֶער... זִי וֶוערְט פַארְעֶקְלְט פוּן אִים, זִי זָאגְט: "עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ", וֶוער אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ? אֶפְשָׁר דוּ? בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל דִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן זַיין וֶועג פוּן עֶסְן.

## מֶען עֶסְט אֵיידְל אָן קַיין גְרִידֶער

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט קַיין גוּטֶע בֵּיישְׁפִּיל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֶסְן דַארְף מֶען יָא אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער וִוי אַזוֹי צוּ עֶסְן, טַאטֶע מַאמֶע מוּזְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ עֶסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, צוּ עֶסְן אֵיידְלֶערְהֵייט, דָאס אַ חֵלֶק פוּן 'חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת'; קִינְדֶער וִוילְן נִישְׁט זִיצְן גְרָאד בַּיים עֶסְן, קִינְדֶער ווילְן זִיצְן אֵיין פִּיס אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל אַ צְוֵוייטֶע פִּיס אוֹיפְ'ן טִישׁ, זֵיי ווילְן עֶסְן שְׁטֵייעֶנְדִיגֶערְהֵייט, אוּן גֶעוִויסֶע עֶלְטֶערְן כַּאפְּן נִישְׁט אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט עֶסְן פַאר קִינְדֶער מוּז מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען - אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, צֶען מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל אוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל - וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף עֶסְן, אַזוֹי וֶועט עֶס הֶעלְפְן אַז וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין כִּתָּה ח וֶועט עֶר שׁוֹין זִיצְן אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל אוּן עֶסְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען עֶסְט אֵיידְל אָן קַיין גְרִידֶער.

## אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ מִיט דִי נֶערְוְון?

אָבֶּער שָׁאקְלְן דִי פִּיס דָאס אִיז אַ גוּטֶע בֵּיישְׁפִּיל, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נֶערְוֶועז: **"דוּ קֶענְסְט אוֹיפְהֶערְן שָׁאקְלְן מִיט דִי פִּיס? וָואס שָׁאקְלְסְטוּ? דוּ הָאסְט מִיט דִי נֶערְוְון!"** אָבֶּער 'אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ מִיט דִי נֶערְוְון? וָואס דַארְף מִיר עֶס אָנְגֵיין?'

## עֶפֶּעס אִיז מִיט דִיר, נִישְׁט מִיט אִיר

רוֹב מָאל וֶוען אַ פְרוֹי וֵויינְט: **"מַיין מַאן..."**, דַארְף זִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה עֶס זָאל אִיר נִישְׁט אָנְגֵיין דִי סָארְט זַאכְן, אוּ אַזוֹי אוֹיךְ רוֹב מָאל וֶוען דֶער מַאן וֵויינְט: **"מַיין וַוייבּ..."** דַארְף עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין דִי סָארְט זַאכְן, וָואס וֶוערְסְטוּ נֶערְוֶועז פוּן דַיין וַוייבּ פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִי רֶעדְט?! עֶפֶּעס אִיז מִיט דִיר, נִישְׁט מִיט אִיר.

## דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת: 'אִיךְ' זָאל זִיךְ טוֹישְׁן

גֶעוֶוענְלִיךְ מַאכְט מֶען 'הִתְבּוֹדְדוּת': "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז זֵיי זָאלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז מִיר הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם", "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מַיין וַוייבּ זָאל אַיינְזֶען אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט", אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט אַז 'יֶענֶער' זָאל זִיךְ טוֹישְׁן, נָאר 'אִיךְ' זָאל זִיךְ טוֹישְׁן!

## דָאס דַארְף מֶען יָא בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט בְּרוּחָנִיוּת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ פְרוֹי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מַיין מַאן זָאל גֵיין דַאוֶונֶען"**, אָדֶער אַ מַאן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט דַארְפְן קַיין טֶעלֶעפָאוֹן"**, דָאס דַארְף מֶען יָא בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען רֶעדְט פוּן סְתָּם לֶעבְּן, דִי וֶועג פוּן עֶסְן, דִי וֶועג פוּן רֶעדְן, דִי וֶועג פוּן שְׁלָאפְן.

## אַ נַאטוּרְלִיכֶע גְרִידֶער מַאשִׁין (noise maker)

אָדֶער קֶען זַיין נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַ בָּחוּר זָאגְט מִיר, "דָאס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אִין מַיין שְׁטוּבּ אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעשְׁנָארְכֶעצְט, מַמָּשׁ עֶס אִיז גֶעוֶוען אָיוֹם וְנוֹרָא... מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען... אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ שְׁלָאפְן אִין אַ אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ..." אַנְשְׁטָאט בֶּעטְן דֶעם אַז יֶענֶער זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ שְׁנָארְכֶעצְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר 'דִיר', דָאס אִיז הִתְבּוֹדְדוּת: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ טוֹיג נִישְׁט, אִיךְ דַארְף זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נֶערְוֶועז פוּן מֶענְטְשְׁן?" "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אַז עֶר שְׁנָארְכֶעצְט, הֶעלְף אַז עֶס זָאל זַיין צוּ מִיר אַזוֹי וִוי אַ נַאטוּרְלִיכֶע גְרִידֶער מַאשִׁין** (noise maker)", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס צָאלְן גֶעלְט זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ מַאשִׁין וָואס זָאל שְׁנָארְכֶעצְן פַאר זֵיי... בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ נַאטוּרְלִיכֶע מַאשִׁין וָואס טוּט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוּמְזִיסְט.

## דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים

עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ וואוֹינֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל, וֶוען אִיךְ בִּין אִין שְׁטָאט טְרַאכְט אִיךְ: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְקוּמֶען צוּם שְׁטֶעטְל וֶועל אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין", עֶס אִיז אַזוֹי רוּאִיג, מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט בֵּיימֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נב) מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער דְרֵייְדְט זִיךְ נִישְׁט אוּן זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין; גֵיי אִין אַ זַייט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר אִינְדֶערְהֵיים, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן קַיין זַאכְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ".**